פרשת מקץ - חנוכה ||| שנת תשפ"ו לפ"ק ||| גליון קל"ב

# הבינוני

שיעורי הרב שמעון שפיצער שליט"א

באידיש

גליון מיוחד לקראת ימי חנוכה




## ימי חנוכה

### שלח אורך ואמיתך המה ינחנו;

חנוכה שיינט אריין נידריגער ווי עשרה טפחים

יום שני פרשת מקץ כ"ב כסלו תשפ"ה

א

## כי אתה תאיר נרי; דער חידוש פון חנוכה - השראת השכינה אין די טיפסטע פלעצער

### וואָס באַדייט אַז די שכינה קומט אַראָפּ למטה מעשרה?

די **גמרא** זאָגט אין מסכת סוכה (ה, ב): מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה טפחים. חז"ל רעדן דאָרט וועגן דעם באַגריף פון השראת השכינה אויף דער וועלט, און די גמרא מאַכט אַ חילוק אַז נאר ביז עשרה טפחים קומט די שכינה אַראָפּ, **און נישט נידריגער ווי עשרה טפחים.** די גמרא ברענגט דאָרט ראיות דערויף פון פּסוקים.

אָבער ווען ס'קומט צו חנוכה ליכט, שטייט אין אַלע **חסיד'ישע ספרים** אַז דערפאַר צינדט מען דוקא אויף אַ נידריגן פּלאַץ, ווייניגער פון עשרה טפחים, **ווייל חנוכה קומט די שכינה יאָ אַראָפּ למטה מעשרה טפחים.** מ'דאַרף נאר פאַרשטיין, וואָס מיינט דאָס? די שכינה געפינט זיך דאָך איבעראָל, מלוא כל הארץ כבודו. אויב אַזוי, **וואָס איז דער חילוק צווישן למטה מעשרה טפחים און למעלה מעשרה טפחים?**

### השראת השכינה - שפּירן די אָנוועזנהייט פון השי"ת

דער הסבר דערויף שטייט אין **אור החיים הק'** פּרשת ויגש, אַז ס'איז דאָ אַסאַך דרגות אין דעם באַגריף פון השראת השכינה.

אייגנטליך פאַרמאָגן מיר זייער קליינע קעפּעלעך צו קענען באמת תופס זיין דעם מושג פון התגלות השכינה, אָבער אויף וויפיל השי"ת וויל אַז מיר זאָלן דאָס יאָ קענען דערהערן, וויפיל ס'שטייט אין דער תורה און אין די מאמרי חז"ל בנגלה, מיינט דאָס אַז אודאי געפינט זיך דער רבוש"ע אין יעדן פּלאַץ, לית אתר פנוי מיניה, ער איז מחיה יעדע זאַך, ס'איז דאָ אלוקות אין אַלע מצבים פון דעם עולם הגשמי. דערפאַר באַנוצט מען זיך מיט'ן אויסדרוק 'שכינה' ווען מ'רעדט אַז השי"ת איז מיט אַ איד אין גלות. מ'זאָגט אַז "די שכינה הק' קומט אַראָפּ צו אים", ווייל **שכינה איז דער אויסדרוק וואָס ווערט גענוצט ווען דער רבוש"ע געפינט זיך אין די מקומות פון חושך.**

זאָגט דער אור החיים הק', אַז די שכינה הק' איז טאַקע איבעראָל, אפילו אויפ'ן נידריגסטן פּלאַץ, אָבער **ווי שטאַרק מ'שפּירט דאָס, דאָס ווענדט זיך שוין אין דעם מענטש!** צום ביישפּיל ווען אַ איד איז בשמחה, ווערט ער דורכדעם אַ כלי פאר השראת השכינה, און **מ'וועט קענען שפּירן ביי אים דאָס געטליכקייט אַסאַך שטאַרקער.** אָדער לדוגמא, ווען אַ מענטש איז בענווה, ווערט ער אַ כלי אויף השראת השכינה, און **מ'קען ביי אים זען און שפּירן די שכינה מער ווי געווענליך.**

### השי"ת געפינט זיך איבעראָל, אָבער צומאָל איז דאָס בהסתר

אַנדערש איז אָבער אין אַ מקום וואו ס'איז דאָ מער חושך. טראָצדעם וואָס **דער אויבערשטער געפינט זיך זיכער דאָרט**, ווייל אויב השי"ת וואָלט נישט מחיה געווען דאָס פּלאַץ, וואָלט עס נישט געהאַט קיין שום קיום, **אָבער למעשה איז די השראת השכינה דאָרט באַהאַלטן.** ס'קען נישט זיין דאָרט אַ גרויסער סאָרט גילוי פון שכינה, ווייל **ס'זענען דאָ זאַכן וואָס זענען דאָס מסתיר** און לאָזן נישט צו אַז מ'זאָל עס זען אָפּן.

ווען משה רבינו האָט געוואָלט דאַווענען אַז די מכות פון מצריים זאָלן זיך שוין אויפהערן, האָט ער געדאַרפט אַרויסגיין פון שטאָט, ווייל ס'איז געווען פול מיט עבודה זרה, און דאָס איז אַ שטער צו קענען אַרויסזאָגן אַ דבר שבקדושה. **עבודה זרה ברענגט אַז ס'זאָל זיין אַ הסתר פון השראת השכינה.**

און דאָס זעלבע איז פאַרקערט. דער מקום המקדש, וואו יצחק האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלז פאַר'ן רבוש"ע, **איז אַ פּלאַץ פון התגלות השכינה!** יעדער וואָס קומט נאר אַריין אין ביהמ"ק שפּירט און זעט קלאָר מיט די אויגן, אַז ס'איז דאָ אַ באַשעפער אויף דער וועלט - יִרְאֶה יֵרָאֶה.

### מער קדושה ברענגט אַז מ'זאָל מער שפּירן השראת השכינה

קומט אויס, אַז השראת השכינה באַדייט, **ווען מ'קען מרגיש זיין דעם אויבערשטן**, און ווען מ'קען זען וויאַזוי זאַכן ווערן געפירט למעלה מדרך הטבע. אין בית המקדש האָט מען טאַקע געזען וויאַזוי די גבולות הטבע האָבן דאָרט נישט שולט געווען. ס'האָבן זיך אָפּגעשפּילט עשרה נסים, ווייל **דער הסתר פּנים איז זייער שוואַך אויף אַ פּלאַץ פון קדושה.**

אָט די התגלות פון השראת השכינה האָט אַסאַך דרגות. ס'איז דאָ אַזעלכע מושגים וואָס זענען גורם אַז ס'זאָל זיין אַ גרעסערע השראת השכינה, און ס'איז דאָ מושגים וואָס זענען גורם אַז ס'זאָל זיין אַ גרעסערער הסתר פּנים. ווען צען אידן קומען זיך צוזאַמען מיט אן אחדות איז דאָס אַ געוואַלדיגע סיבה פאר השראת השכינה. דערפאַר קען מען דאָרט זאָגן אמן יהא שמיה רבא מיט קדושה. ווען ס'איז דאָ נאָכמער אידן, ברענגט דאָס אַ גרעסערע התגלות

השכינה. ווי די **משנה** זאָגט אין מסכת ברכות (פרק שלשה שאכלו) אַז ווען מ'בענטשט מיט זימון, אויב ס'איז דאָ צען אידן ביים טיש זאָגט מען 'אלקינו', און אויב מען בענטשט מיט מער אידן, זענען דאָ נאָך לשונות פאר הונדערט, טויזנט, און צען טויזנט. וויפיל מער אידן, אַלץ אַ גרעסערע דרגה פון התגלות השכינה.

## אין טונקעלע מצבים איז נישטאָ קיין גילוי שכינה

די אויבנדערמאַנטע גמרא אין מסכת סוכה זאָגט אַז ווען דער רבוש"ע האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער אויסגעשטעלט די בריאה אַז **למטה מעשרה טפחים איז נישטאָ קיין התגלות השכינה.** עד כאן. ס'גייט נישט אַראָפּ אַזוי ווייט. פאַרוואָס טאַקע? לכאורה אויב השי"ת געפינט זיך איבעראַל, פאַרוואָס דאַרף מען מאַכן אַזאַ סאָרט גבול?

דער הסבר איז זייער פשוט: דער רבוש"ע האָט געוואָלט אַז דער מענטש זאָל אַרבעטן אויף זיך צו שטאַרקן זיין אמונה, און **מיט זיין אייגענע עבודה זאָל ער אָנקומען צו אַ הבנה אַז דער אויבערשטער געפינט זיך אויך אין דעם נידריגסטן פלאַץ,** בהסתרה שבתוך ההסתרה. דעריבער האָט השי"ת דירעקט געמאַכט אַז למטה מעשרה טפחים זאָל נישט זיין קיין השראת השכינה, ווייל **דאָס וואָרט 'למטה מעשרה טפחים' סימבאָליזירט יעדע סאָרט פלאַץ וואו ס'איז שולט דער סדר פון טבע.** פון דאָ און ווייטער וויל דער רבוש"ע אַז ס'זאָל זיין מער בהסתר. ער לאָזט דאָרט אַ הסתרת פנים, ווייל **ער וויל אַז מיר זאָלן אַרבעטן 'מתוך בחירה'** און מאַכן ליכטיג אין די טונקעלע פלעצער פון טבע.

## ווען מ'שפירט גאָרנישט, איז דאָס טאַקע די עבודה

צומאָל ווייסט דער מענטש ביי זיך, אַז ער האָט געהאַט זמנים ווען ס'איז אים געווען ליכטיג, ער האָט געשפירט אַזוי דערהויבן, ער האָט זיך געקענט מתגבר זיין אויף נסיונות. אָבער דאָ האָט ער זיך געטראָפן אין אַ צייט אָדער אין אַ געוויסע נושא וואָס ס'איז אים זייער שווער. ער ווייסט נישט פאַרוואָס, אָבער ס'גייט נישט... ער טראַכט צו זיך: וואָס איז מיט מיר? **איך בין יאָ אַן ערליכער יונגערמאַן, אָדער כ'בין נישט קיין ערליכער יונגערמאַן?** פון איין זייט האָב איך אַ געפיל צו דברים שבקדושה, איך בין באמת משתוקק צו זיין בעסער, איך שטרענג זיך אָן צו טון פאַרשידענע זאַכן אפילו ס'איז נישט גרינג. אָבער יעצט איז מיר אונטערגעקומען אַ נסיון און **איך קען זיך נישט אויפהייבן.** ס'גייט נישט, איך שפיר זיך ממש אָפּגעפרעגט בנוגע דעם נסיון...

# איך וויל אַז יעצט זאָלסטו אַרבעטן מיט די אייגענע כוחות

אָבער באמת, וואָס איז דיין גרויסע וואונדער? ס'איז דאך דברים פשוטים עד מאוד. די אַנדערע ענינים פון עבודת ה' זענען נישט אַזוי שווער פאַר דיר, **ווייל דאָרט האָסטו אַ גרעסערע התגלות השכינה.** דו שפירסט דעם רבוש"ע, דעריבער האָסטו די כוחות זיך מתגבר צו זיין. געוויס ביסטו דאָרט אויך בוחר בטוב, אָבער דער נסיון איז קלענער. ווידעראום ביי דעם פלאַץ וואו דו מוטשעסט זיך, **דאָרט איז דאָ אַ הסתרת פנים און דערפאַר איז עס אַזוי שווער.** יעדער מענטש האָט זיך זיין אייגענע 'למטה מעשרה טפחים', וואָס דאָרט איז דער אויבערשטער זיך מסתיר פון אים.

ווען אַ איד שפירט ווי ער האַקט האָלץ און ס'גייט נישט, מיינט דאָס אַז השי"ת זאָגט אים: ביז דאָ האָב איך זיך מגלה געווען צו דיר, **פון דאָ און ווייטער, וויל איך זען וויאַזוי דו אַרבעטסט אַז ס'זאָל ווערן באַלאָכטן.** אַצינד הייבט דער איד אָן צו דאַווענען, ער זאָגט תהלים, ער איז מתפלל 'גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך', ער גיבט צדקה צו קענען האָבן סייעתא דשמיא, ער דאַנקט דעם רבוש"ע, ער טוט פעולות כדי צו מאַכן ליכטיג. זאָגט אים דער רבוש"ע: **הפלא ופלא! האסט פאַרשטאַנען דעם רמז! די לחכימא ברמיזא.** דאָס האָב איך געוואָלט אַז דו זאָלסט טון. טו נאָך אַביסל, און נאָך אַביסל, איך בין דיר מבטיח אַז איך גיי דיר העלפן!

## נאָך יעדע ליכטיגקייט, איז דאָ אַ הסתר וואו מ'דאַרף אַרבעטן

דאָס איז דער געוועגליכער סדר וויאַזוי ס'אַרבעט יעדע סאָרט עבודת ה'. מ'קען דאָס זען ביי דעם יום טוב פסח מיט די נאָכפאָלגענדע ימי הספירה. אין דער נאַכט פון פסח איז דער רבוש"ע זיך מגלה - ולילה כיום יאיר. **ס'איז אַ לעכטיגע נאַכט און יעדער איד איז אַזוי דערהויבן.** מ'איז מקיים אַזויפיל מצוות, מ'דאַנקט און מ'זינגט צום רבוש"ע מיט אַ געוואַלדיגע השתוקקות.

אָבער ווען די סדר נאַכט גייט אַריבער, זאָגן די ספרים הק' אַז מ'נעמט צו אַלע מדריגות, און השי"ת זאָגט פאַר'ן מענטש: **איך וויל אַז יעצט זאָלסטו אַרבעטן מיט די אייגענע כוחות.** דער מענטש הייבט אָן אַרבעטן, אָבער ער איז נישט געהעריג מצליח, זאָגט אים דער רבוש"ע: **דאָס איז אַ חלק פון דער זאַך!** אודאי ביסטו נישט אינגאַנצן מצליח, אָבער מ'דאַרף אַליין אַרבעטן, מ'דאַרף עס אַליין טון. 'אַליין' מיינט נישט ח"ו אָן דעם רבוש"ע. עס מיינט אַז מ'זאָל זיך אַליין ווענדן צום רבוש"ע, מ'זאָל אַליין באַמערקן ווען מ'האָט נאָכנישט געצוג זיך געוואָנדן צום אויבערשטן, און מ'זאָל אַליין דערהערן ווען מ'האָט זיך נאָכנישט גענוג אָנגעשטרענגט. אַזוי אַרבעט עס אַלעמאָל.

## חנוכה איז נישטאָ קיין הסתר

חנוכה איז אָבער אַנדערש ווי דער געוועגליכער סדר הבריאה, ווי ס'שטייט פון אַלע צדיקים, אַז **חנוכה קומט דער אור יאָ אַן למטה מעשרה טפחים!** וויאַזוי קען דאָס זיין? ס'האָט זיך געטוישט דער סדר הבריאה? מיר ווייסן דאך אַז ס'איז דאָ פלעצער וואו מ'דאַרף אַרבעטן שווער?

די תשובה דערויף איז גאַנץ פשוט: אַלע אַנדערע ימים טובים, ווי פסח, שבועות און סוכות, **זענען געקומען מיט אַן 'אתערותא דלעילא'.** דערפאַר דאַנקן מיר השי"ת יעדן יום טוב פאר דער מתנה וואָס ער האָט אונז געגעבן 'ותתן לנו ה' אלקינו באהבה מועדים לשמחה'.

דער נס פון חנוכה איז אָבער געקומען דורך די מסירת נפש פון די חשמונאים. **דער יום טוב איז געקומען מיט אַן 'אתערותא דלתתא'.** דער זמן האָט נישט געברענגט קיין אור. פאַרקערט, ס'איז געווען אַ זמן פון חושך און קליפת יון, נאר די חשמונאים האָבן געהאָרעוועט און געאַרבעט שווער צו לעכטיג מאַכן דעם חושך. דערפאַר איז דער אור אַראָפּגעקומען ביז למטה מעשרה טפחים, **ווייל דער אור קומט פון די עבודה פון אידישע קינדער!** חנוכה איז אַ 'כלל ישראל יום טוב', ס'איז אַ יום טוב וואָס איז געקומען פון אונזער זייט.

דאָס איז אייגנטליך אַ גרויסער חידוש, ווייל לכאורה איז אַ פלא וויאַזוי ס'קען זיין אַזאַ זאַך, אַז די חכמים זאָלן קענען מתקן זיין אַ נייעם יום טוב וואָס שטייט נישט אין די תורה. נאר די תשובה איז, **אַז ס'איז טאַקע אַן אַנדערע און העכערע סאָרט יום טוב!**

ב

# ערכתי נר למשיחי; דער אור וואָס לייכט היינטיגע צייטן נאָכמער ווי אַמאָל

## די ליכטיגקייט פון משיח ווערט נתגלה אין די לעצטע דורות

צדיקים האָבן מסביר געווען אַז דאָס איז די סיבה פאַרוואָס דער יום טוב פון חנוכה איז אַזוי באַהאַלטן אין דער תורה. אין ששה סדרי משנה ווערט עס בלויז דערמאַנט אומדירעקט אין מסכת בבא קמא פרק הכונס (משנה ו). אפילו אין די כתבי האר"י איז דאָס ענין פון חנוכה זייער באַהאַלטן, מיט ממש געציילטע ווערטער. ביז ס'איז געקומען דער **בעש"ט הק' ותלמידיו** און זיי האָבן מגלה געווען אַזאַ גרויסן אור, וואָס ווען מ'לערנט די ספרים הק' אויף חנוכה ווערט ממש ליכטיג.

די סיבה דערצו האָבן צדיקים געזאָגט, איז ווייל **חנוכה איז דער 'אורו של משיח'.** ס'איז דאָ אַסאַך דרגות און שיכטן פון קדושה, חנוכה איז שוין די לעצטע שטאַפּל. דעריבער ווערט עס נתגלה דווקא אין די לעצטע דורות. מ'הייבט אָן מיט פסח, מ'גייט ווייטער צו שבועות, ראש השנה, סוכות, שמחת תורה, און **אַצינד, אום חנוכה, קומט מען אָן צו דער אַרבעט פון 'למטה מעשרה'**, צו באַלייכטן די פלעצער וואו ס'איז טונקל אָן קיין התגלות השכינה.

### ס'איז שווערער, אָבער ס'בלייבט אויף אייביג

און טאַקע וויבאַלד אידן דאַרפן אַליין אויסאַרבעטן דעם חלק, דעריבער פון איין זייט קומט עס אָן אַסאַך שווערער, עס געדויערט אַסאַך לענגער, אָבער פון דער צווייטער זייט **זענען די תוצאות אַסאַך מער נצחיות'דיג.** ווען מ'דאַרף נעמען אַ מצב פון חושך און דאָס איבערדרייען צו ליכטיגקייט, איז דאָס גאָר אַ שווערע אַרבעט. מ'דאַרף אַריינקריכן אין אַ פלאַץ וואו ס'איז נאָכנישט דאָ קיין גילוי השכינה און מ'דאַרף דאָרט אַרבעטן מיט די צען פינגער, מיט מסירת נפש און מיט תפלה, צו אַריינשיינען אין דעם פלאַץ אַ השראת השכינה. דאָס איז אַסאַך שווערער, אָבער **עס איז משפיע אויף'ן עתיד**, און פאר אָט די עבודה איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט!

### יעדע עבודה מאַכט ליכטיג פאר די קומענדיגע דורות

אין אַ געוויסן זין איז פאַר אונז אַסאַך גרינגער אָנצוצינדן אַ ליכט פון אמונה אין די טונקעלע פלעצער, ווייל **מיר זענען אָנגעקומען אויף דער וועלט נאָכדעם וואָס די פריערדיגע דורות האָבן שוין געטון די אָנהויב פון דער אַרבעט.** אידן האָבן שוין נעבעך געברענגט די וועלט צו דער ליכטיגער פלאַץ וואו ס'דאַרף זיין.

מיר האָבן היינט ב"ה אַזויפיל הייליגע חסידיי'שע ספרים וואָס העלפן אַ איד צו האָבן אמונה אין אַלע שווערע מצבים. מיר האָבן אַזויפיל אמונתך בלילות'דיגע שטיקלעך פון ספרים הק'. מיר האָבן מעשיות פון אידן ביי דער צווייטער וועלט מלחמה וואָס האָבן זיך געהאַלטן שטאַרק מיט אמונה, זיי האָבן געגלייבט אין דעם רבוש"ע אפילו ווען ס'איז געווען חרב חדה מונחת על צווארם.

אין די פריערדיגע דורות זענען געווען אסאך אידן וואס האבן נישט געהאט די אלע ספרים און די אלע מעשיות זיך מחזק צו זיין. דאס הייסט אז **ס'איז נאכנישט געווען אזוי בנגלה דער אור** אַז אפילו ממש אַ גאָר פשוט'ער איד זאָל זיך קענען מחזק זיין אין שווערע מצבים. עס זענען ב"ה דאָ טויזנטער אידן היינטיגע צייטן וואָס לעבן אַזוי, ווייל ס'איז נתגלה געוואָרן דער אור, אַסאַך שטאַרקער ווי ס'איז געווען אַמאָל. **דער אור האָט געדאַרפט אויסגעאַרבעט ווערן דורכאויס די יאָרן.**

### מיר פאַרמאָגן היינט מער חיזוק ווי אַמאָל

היינטיגע צייטן קען אַרומגיין אַ איד וואָס איז בכלל נישט דער גרעסטער עובד, ער איז אַ 'מצוות אנשים מלומדה'דיגער איד, ער טוט וואָס מ'דאַרף, אָבער נישט ווער ווייסט וואָס... אָבער ווען ס'קומט זמנים פון חושך און פון נסיונות, **האָט ער זיך אין וואָס אָנצוכאַפּן כדי אַרויסצוציִען פון דעם מצב.** ער שטאַרקט זיך מיט ווערטער פון צדיקים, און מיט מעשיות פון פריערדיגע דורות. דער איד פאַרציילט שפּעטער, וויפיל חיזוק ער האָט געשעפּט פון די חסידיי'שע ספרים, וויפיל די מעשיות האָבן אים געהאָלפן. **היינט צוטאָגס ווען אַ פשוט'ער מענטש גייט דורך אַ קריטיש שווערע מצב פון חשכות, האָט ער וואָס צוטאָן!** ער האָט די מעגליכקייט זיך אַרויסצושלעפּן פון דעם מצב! אַמאָל איז דאָס נישט געווען.

# חנוכה איז א 'כלל ישראל יום טוב'

פאַרצייטנס, ווען אַ מענטש האָט זיך געוואוינט אין אַ דערפל, איז שוין אָפּגערעדט אַז ספרים האָט ער נישט געהאַט, אפילו קיין מלמד האָט ער נישט געהאַט. ער האָט נישט פאַרמאָגט קיין חסידיי'שע ספר, און קיין הסברים. **ער האָט נישט געהאַט אַ רב וואָס זאָל אים אויסלערנען אַז מ'קען טאַנצן און שפּרינגען אין זיין מצב:** "דער אויבערשטער העלפט מיר, דער אויבערשטער איז מיט מיר". ער האָט נישט געהאַט די חיזוק צו זיין פריילעך און גיין דאַווענען מיט אַ ישוב הדעת און אמונה. **היינט איז אַנדערש ווי אַמאָל**, ווייל אידן האָבן מיט זייער מסירת נפש אַראָפּגעברענגט אַ ליכטיגקייט אויף דער וועלט.

### מסירת נפש האָט געברענגט אַן אור למטה מעשרה

אָט דאָס איז דער יום טוב פון חנוכה! קליפּת יון איז דעמאָלט געווען בתפארתה, און ס'איז געבליבן בלויז אַפּאָר חשמונאים. ס'האָט אויסגעקוקט אַז נאָך אַביסל גייט זיך אַלעס ענדיגן, **אָבער זיי האָבן נישט אויפגעגעבן**, זיי זענען אָנגעגאַנגען מיט אַ שמחה: "דער אויבערשטער גייט אונז העלפן". זיי האָבן אַלעס צוריק אויפגעבויעט און אָנגעצונדן די מנורה. דאָס האָט אַראָפּגעברענגט אַ געוואַלדיגן אור פאַר אַלע דורות! ווען זיי האָבן דאָס געטון האָבן זיי געברענגט די וועלט נאָענטער צום תכלית, ווייל אויף דעם איז באַשאַפן געוואָרן די וועלט.

איי, אפשר איז דאָס געווען אַן איינמאָליגע מעשה שהיה? ווער זאָגט אַז די וועלט איז געטוישט געוואָרן זייט דעמאָלט? זאָגט דער הייליגער **קדושת לוי** אַז דערפאַר איז געווען 'לשנה אחרת קבעום בהלל והודאה', ווייל די חכמים האָבן דאָס טאַקע געוואָלט בודק זיין. דעריבער האָבן זיי געוואַרט אַ יאָר און זיי האָבן געזען אַז **ווען ס'קומט אָן די טעג פון חנוכה האָט פאַסירט אַ נייע זאַך, ירדה שכינה למטה מעשרה טפחים**, ס'איז ממש אַן איבערקערעניש! וויאַזוי קען דאָס זיין? חז"ל זאָגן דאָך 'מעולם לא ירדה שכינה למטה מעשרה'? נאָר **דער כלל פון 'לא ירדה שכינה' איז גילטיג ווען ס'קומט דורך אַן 'אתערותא דלעילא'**, אָבער ווען דער אור איז אנגעצינדן געוואָרן דורך אַן 'אתערותא דלתתא', דעמאָלט גייט עס יאָ אַראָפּ למטה מעשרה!

די גאַנצע וועלט האָט געוואַרט אויף די עבודה פון די חשמונאים אין דעם חשכות, און ווען זיי האָבן דאָס געטון, האָט עס איבערגעלאָזט אַ רושם אויף אייביג. **עס האָט געברענגט אַ כח וואָס יעדער איד אין די שפּעטערדיגע דורות קען דאָס שפּירן.** לכתחלה האָט דער אויבערשטער געוואָלט אַז מ'זאָל איבעראַל קענען מרגיש זיין דעם אור, אפילו למטה מעשרה, ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַז ס'זאָל קומען פון 'זיין זייט'. **אין דער מינוט וואָס ס'איז געקומען פון 'אונזער זייט', איז דאָס געבליבן אויף לדורות**, ווייל דאָס איז די תכלית פון דער בריאה.

### מיר קענען זיך מחזק זיין נאָר אַדאַנק די אַמאָליגע מסירת נפש

ס'איז באַקאַנט די קשיא וואָס דער **בעל התניא** האָט געפרעגט, פאַרוואָס מאַכט מען אַזאַ גרויסן עסק אַז אברהם אבינו איז געווען גרייט צו מאַכן די עקידה מיט זיין זון יצחק, מ'האָט דאָך געזען אין אַלע דורות וויאַזוי אנשים פשוטים האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַר'ן אויבערשטן. דער בעל התניא האָט געענטפערט איין תשובה וואָס יעדער פון די אָנוועזנדע תלמידים האָט פאַרשטאַנען מיט אַן אַנדערן קנייטש. איינער פון די מהלכים אין דעם תירוץ איז געווען, אַז **דוקא דורכדעם וואָס אברהם אבינו האָט געמאַכט די מסירת נפש, איז דאָס נשרש געוואָרן אין זיינע קינדער**, אַז ביז היינט איז געבליבן דער כח פאַר אידן דאָס צו טון.

דער בעל התניא רעדט וועגן אַ איד וואָס שטערקט אויס זיין האַלז זיך צו לאָזן אומברענגען פאַר'ן רבוש"ע. דער נסיון איז געווען אין אַסאַך דורות, אבינו מלכינו עשה למען הרוגים על שם קדשך. אָבער צדיקים זענען מסביר אַז **אין אונזער דור האָט דער רבוש"ע געברענגט דעם נסיון אויף אַביסל אַן אַנדערן אופן.** רוב מענטשן האָבן נישט דעם נסיון זיך צו לאָזן בפועל הרג'נען אויף קידוש ה', אָבער בעיקר איז מען פון הימל מנסה אידן מיט מצבים פון חושך, סיי **חושך פון תאוה**, און סיי **חושך פון בלבולי האמונה.**

### אונזער עבודה מאַכט ליכטיג פאר די קומענדיגע דורות

דער הייליגער **רוזינער** האָט שוין פאַראויסגעזאָגט אַז בעקבתא דמשיחא וועט מען זיך דאַרפן פלאַגן צו בלייבן מיט דער ריינער אמונה אַז דער אויבערשטער פירט די וועלט און איך קען גאָרנישט אַליין. אַלעס וואָס פּאַסירט איז לטובה, און איך וועל אים שטענדיג דאַנקן און נישט קלאָגן. אין יעדן מצב וועל איך זינגען: אני לדודי ודודי לי. **דאָס איז דער פלאַץ פון 'למטה מעשרה' וואָס מ'דאַרף דאָרט אַריינברענגען דעם אור!** דער רבוש"ע איז מנסה דעם איד מיט גרויסע בלבולים און ער כאַפּט נישט: וויאַזוי קען זיין אַזאַ זאַך? דער אויבערשטער איז דאָך אַ טוב ומטיב, פאַרוואָס איז געשען אַזאַ פּרשה?

אָבער דער כח זיך מחזק צו זיין אין די אַלע סאָרטן מצבים, **קומט פון דעם מסירת נפש וואָס אידן האָבן געהאַט אַמאָל.** מיר האָבן דעם כח אַריינצושיינען למטה מעשרה, דורכדעם וואָס מען לערנט די ווערטער פון ספרים הק', מ'חזר'ט איבער די מעשיות פון אַמאָליגע מסירת נפש אידן, מ'טוט פעולות פון אמונה לויט'ן כלל פון 'אדם נפעל כפי פעולותיו'.

ווען אַ איד טוט דאָס, **שיינט ער אַריין דעם אור אין למטה מעשרה**, און דורכדעם העלפט ער פאר די קומענדיגע דורות, ווי מיר זאָגן ביים דאַווענען 'אלקינו ואלקי אבותינו', מיר קומען רעדן צום אויבערשטן בלויז נאָכדעם וואָס אונזערע עלטערן האָבן אים געדינט. יעדע מסירת נפש און יעדע עבודה פון אונזערע עלטערן האָט געמאַכט אַז די וועלט זאָל ווערן מער אויסגעלייטערט.

ג

# נפלה לא תוסיף; דער תכלית פון ירידת הדורות

### ירידת הדורות אָדער אַ גרעסערע אור?

ווען מ'הערט אַזעלכע ווערטער, שטעלט זיך די שאלה: **איז די וועלט טאַקע מער אויסגעלייטערט, אָדער פאַרקערט, די וועלט איז מער מגושם מיט אַסאַך ירידת הדורות?** בעצם קוקט דאָס אויס ווי אַ שטיקל סתירה: **פון איין זייט זעט מען אַ ירידת הדורות**, סיי אַז מיר האָבן נישט די זעלבע דרגות פון נשמות און מח ווי אַמאָל, און סיי מצד דעם אוויר פון דער וועלט. השי"ת זאל אָפּהיטן וויפיל די לופט איז אָנגעלייגט פול מיט מינות, כפירה, און תאוה. אָבער **פון דער אַנדערער זייט, ווייסט מען דאָך אַז די עבודה פון אַלע דורות קלייבט זיך אָן**, און דאָס מסירת נפש פון אונזערע עלטערן לאָזט אַ רושם אויף די קומענדיגע דורות.

### אַ דיקער לבוש, צוזאַמען מיט אַן אור למטה מעשרה

דער תירוץ דערויף איז, אַז **עס ווענדט זיך וואו דער איד געפינט זיך יעצט.** ס'איז דאָ אַ געוואַלדיגער חילוק בעפאַר אַ איד הייבט אָן אַרבעטן, און נאָכדעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן.

ווילאַנג אַ מענטש האָט נאָכנישט אָנגעהויבן דינען דעם רבוש"ע, **ווערן די לבושים און דער הסתר דיקער און גרעסער.** דאָס האָט אַ קלאָרן תכלית. ס'איז געווען דער פלאַן פון ששת ימי בראשית. גלייך ווען השי"ת האָט באַשאַפן די וועלט, האָט ער דאָס באַשאַפן מיט אַ סיסטעם אַז יעדן דור שפּעטער זאָל די הסתרה ווערן גרעסער.

אָבער צוזאַמען דערמיט האָט השי"ת אויסגעשטעלט אַז **אין יעדן דור, זאָל דער אור אַראָפּגיין נאָך נידריגער, ביז למטה מעשרה.** כדי אַז ווען אַ איד וויל יאָ דינען דעם רבוש"ע זאָל ער קענען ליכטיג מאַכן אפילו דעם גרעסטן און טיפסטן חושך.

מיר געפינען זיך אַצינד אין דעם דור עקבתא דמשיחא פון 'למטה מעשרה', ווי דער **ערבי נחל** (פרשת בהר) ברענגט פון רבי **חיים וויטאַל** אויפ'ן פסוק (עמוס ה, ב): 'נפלה לא תוסיף קום בתולת ישראל', אַז ווען מ'וויל האָבן אַ סימן אויב משיח גייט שוין קומען, זאָל מען קוקן ווי נידריג מ'איז געפאַלן. טאָמער ס'איז שוין אַ מצב פון 'נפלה ולא תוסיף', מ'איז שוין אַזוי נידריג אַז מ'קען שוין נישט מער פאַלן טיפער, דעמאָלט וועט זיין 'הרחמן הוא יקום לנו את סוכת דוד הנופלת', ווייל מ'דאַרף אַריינשיינען דעם אור ביז אונטן.

### מען פאַרבט דעם צימער ביז גאָר אונטן

דאָס איז אַזוי ווי אַ צימער וואָס איז גענצליך שוואַרץ, און איינער וויל דאָס קאָלעכן אויף אַ שיינע ווייסע קאָליר. ער נעמט אַ לייטער און הייבט אָן פון אויבן. צוערשט פאַרבט ער דעם דאַך, דערנאָך די ערשטע שורה פונעם וואַנט וואָס איז נאָענט צום דאַך, דאַן גייט ער אַראָפּ ביז אינמיטן. אַצינד קען ער שוין נישט שטיין אויפ'ן לייטער ווייל מ'דאַרף אָנקומען אַראָפּצו. ער שטייט אויף דער ערד און מאַכט ווייס די וואַנט. **נאָך שפּעטער דאַרף ער זיך שוין איינגאַנצן בייגן אַז זיין האַנט זאל דערגרייכן ביז אונטן.** צום סוף, וויל ער אויך אָנקומען צו איינעם פון די ווינקלען וואָס זענען ביי דער ערד, **דאַרף ער זיך ממש אַראָפּליגן בפישוט ידים ורגלים** אָנצוקומען דאָרט און ווייס מאַכן דאָרט אונטן.

קומט אויס אַז **פון איין זייט גייט ער אַראָפּ נידריגער און נאָך נידריגער**, אָבער פון דער אַנדערער זייט פאַרוואָס גייט ער אַראָפּ אַזוי נידריג? **ווייל ער דאַרף דאָרט ווייס מאַכן!** דאָס איז דער סדר הבריאה און דאָס איז די סיבה פאַרוואָס חנוכה איז אַ יום טוב וואָס דער אור קומט אַראָפּ למטה מעשרה.

דעריבער שטייט טאַקע אין ספה"ק **מאור עינים** אויפ'ן מאמר חז"ל (שבת כא, ב): **פתילות ושמנים שאמרו חכמים -אין מדליקין בהן בשבת, מדליקין בהם בחנוכה.** אַז אפילו אַזעלכע שוואַכע נשמות וואָס קענען נישט באַקומען אַ תיקון אום שבת און יו"ט, **האָבן אָבער יאָ אַ מעגליכקייט צו באַקומען אַ תיקון אום חנוכה.** ווייל דער אור פון חנוכה שיינט אפילו למטה מעשרה. עס באַליכט אין אַלע טונקעלע פלעצער. וויבאַלד די חשמונאים האָבן געטון אַזא מסירת נפש, איז ליכטיג געוואָרן לדורות אַז דער אור קען אָנקומען ביז אונטן אין די נידריגסטע מקומות.

### נר חנוכה גיבט דעם כח צו ליכטיג מאַכן

דער מאור עינים איז מסביר אַז יעדן יום טוב האָט אונז דער רבוש"ע געגעבן אַ באַזונדערע מצוה, וואָס **די מצוה איז דער וועג וויאַזוי צו באַקומען די הארה פונעם יום טוב.** די מצוה פון אכילת מצה גיבט אַ כח אַרויסצוגיין פון די מ"ט שערי טומאה; די מצוה פון זיצן אין סוכה גיבט אַ געוואַלדיגע כח פון חסד וואָס איז מקיף אַ איד; פורים גיבט דעם כח פון מחיית עמלק; און אַזוי ווייטער. חנוכה האָט אונז דער אויבערשטער געגעבן אַ מצוה צו אָנצינדן אַ ליכטעלע למטה מעשרה טפחים, **ווייל דאָס גיבט אונז דעם כח צו ליכטיג מאַכן אין די נידריגסטע פלעצער!**

דער מאור עינים זאָגט אַז דעמאָלט האָבן די משניאי הדת געוואלט מבטל זיין אידישע קינדער פון תורה ומצוות, להעבירם מחוקי רצונך, און ס'איז געשען ניסים פאר אידן, אַז מ'האָט געקענט בלייבן שטיין מיט דער תורה און מיט די מצוות. **דעריבער איז דאָ אַ דער כח אין יעדן איינציגן דור**, ווען ס'קומט דער זמן פון חנוכה, אַז ס'איז מסוגל צו קענען אָנהאַלטן די תורה און די מצוות און זיך פירן ווי ערליכע אידן: "כן בכל דור ודור בבוא הזמן הוא מסוגל לזה, שנחזיק בתורתינו ובחוקים שלנו".

### מבטל זיין אַלע שלעכטע הרגלים

אין ספה"ק **בית אהרן** שטייט אויפ'ן לשון חז"ל (שבת כא, ב): 'עד שתכלה רגל מן השוק', אַז 'רגל' איז אַ לשון פון 'הרגל'. ווען אַ איד מוטשעט זיך מיט נישט גוטע הרגלים, **קען דער אור פון נר חנוכה אים העלפן אַרויסגיין פון זיינע שווערע הרגלים.** עס קען אים דאָרט ליכטיג מאַכן.

דער פשט דערפון איז, ווייל **די הרגלים זענען די 'למטה מעשרה' פון דעם מענטש.** ער איז נישט מצליח זיך אַרויסצושלעפּן פון דעם פלאַץ וואו ער געפינט זיך, ווייל 'הרגל נעשה טבע' און ער קען נישט גיין קעגן זיין אייגענע טבע, און ס'איז נישטאָ קיין התגלות השכינה אויף אַזא פלאַץ למטה מעשרה.

אָבער חנוכה קומט יאָ אַראָפּ דער אור 'למטה מעשרה', דער רבוש"ע שיינט אַריין אפילו דאָרט, **דעריבער קען דער מענטש אַרויסגיין פון זיין למטה מעשרה'דיגן פלאַץ!** ער קען דאַווענען און אַרבעטן צו אויסרייסן זיינע שלעכטע הרגלים.

ד

# מעוז צור ישועתי; אַריינשיינען אַ ליכטעלע אין אַלע שווערע אומשטענדן

### נישט בלייבן דערביטערט פון אַ מצב

ס'איז אָבער דאָ נאָך אַ חלק צו דעם ענין פון באַלייכטן מצבים פון למטה מעשרה: צומאָל געפינט זיך אַ מענטש אין אַ צעבראָכענעם מצב. מ'האָט אים באַעוולט און ער איז געבליבן אָן קיין פרנסה, אָדער ס'איז דאָ אַ מחלוקה אין זיין משפחה וואָס ער איז זייער צעקלאַפּט דערפון, און אַזוי אַלע סאָרטן מצבים וואו ער שפּירט זיך אומצופרידן, **געפינט ער זיך יעצט אין אַ פלאַץ פון 'למטה מעשרה'.** בדרך כלל זאָגט מען עס טאַקע אַרויס אויף אידיש: "איך שפּיר זיך טיף טיף אין דער ערד"... ער איז פאַרביטערט און ער וויל זיך אַרויסרעדן זיין ווייטאָג, ווי שלמה המלך זאָגט: 'דאגה בלב איש ישיחנה'.

עס זענען אָבער דאָ מענטשן וואָס זענען מקיים דעם 'ישיחנה לאחרים' מיט אַ 'שיעור חזון איש'... **רש"י** זאָגט אין מסכת יומא (עה, א) אַז דערפאַר איז אַ גוטער מהלך צו מקיים זיין 'דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים', ווייל יענער קען אים געבן אַן עצה, אָבער ס'איז דאָ מענטשן וואָס מיינען אַז מ'דאַרף בלייבן שטעקן דאָרט. זיי הערן נישט אויף זיך אָפּצוּרעדן.

אודאי איז דאָס אַ מאמר חז"ל, אָבער **די שאלה איז, אויב דער מענטש וויל זיך העלפן.** חז"ל האָבן געזאָגט אַן עצה וויאַזוי מ'זאָל זיך העלפן, דער מענטש דאַרף אָבער זיין דערביי צו וועלן אַרויסגיין

פון דעם חושך. ווען מען פרעגט אים: דו ווילסט אַרויסגיין פון דעם בור? זאָגט ער יא. ביסט מסכים צו טון שווערע זאַכן דערצו? יא. **אויב אַזוי זיי מקיים דעם מאמר חז״ל פון ׳ישיחנה לאחרים׳**. אָבער טאָמער ער וויל זיך בכלל נישט העלפן, נאָר ער וויל בלייבן שטעקן מיט זיין ווייטאָג, און ער נוצט דעם ׳דאגה בלב איש ישיחנה׳ כדי צו איבערצייגן די גאַנצע וועלט פאַרוואָס ער איז אַזאַ נעבעך... בלייבט ער דערווייל ליגן טיף אין דעם גרוב.

מ׳דאַרף אַכטונג געבן דערויף וויאַזוי מ׳טוט דעם ׳ישיחנה לאחרים׳. נישט דאָס איז די עצה פון שלמה המלך. אדרבה, דער כלל איז אַלעמאָל, אַז דער דרש פון חז״ל שטימט אויך מיט׳ן פשוט׳ן פשט. אין פסוק שטייט יַשְׁחֶנָּה און חז״ל זאָגן: **אל תקרי יַשְׁחֶנָּה אלא יְשִׂיחֶנָּה**. יַשְׁחֶנָּה איז טייטש אַז מ׳זאָל מאַכן די דאגה נידריגער און קלענער: ״ס׳איז נישט אַזוי גרויס ווי דו מאַכסט עס... איך הער וואָס דו זאָגסט, אָבער מאַך נישט אַזאַ גרויסער בער פון דעם מצב... איך פאַרשטיי אַז ס׳טוט דיר זייער וויי, אָבער באַרואיג זיך אַביסל, ס׳איז נישט אַזוי געפערליך״...

## ערשטע הילף ביז הצלה קומט

אַלענפאַלס, ווען אַ מענטש געפינט זיך למטה מעשרה, און ער רופט פאר הילף, פרעגט מען אים: ״וואו קען איך דיר קומען העלפן? צו וועלכע אַדרעס זאָל איך שיקן הצלה?״ זאָגט ער: **״איך ווייס נישט פונקטליך וואו דאָס איז. איין זאַך ווייס איך, אַז ס׳איז למטה מעשרה**... איך ווייס אַז ס׳איז גאָר טונקל דאָ, איך געפין זיך טיף אין דער ערד. איר קענט קומען?״

געוויינליך אַרבעט עס ביי דער הצלה, אַז ווען זיי רעדן מיט׳ן מענטשן אויפ׳ן טעלעפאָן, **געבן זיי אים אָנווייזונגען וואָס צו טון דערווייל**, ווייל מ׳האָט מורא אַז ביז די הצלה וועט אָנקומען קען עס שוין ח״ו צו שפּעט. דעריבער זאָגט מען וואָס צו טון ביז די הצלה קומט אן.

דאָס זעלבע איז ביי דעם איד וואָס רופט הילף: ״רבוש״ע איך בין למטה מעשרה, ס׳איז געפערליך״. זאָגט אים דער אויבערשטער: ״איך קום שוין״. אודאי איז השי״ת שטענדיג דאָרט, מ׳רעדט דאָ וועגן דעם חלק פון התגלות השכינה. וויפיל מער דער מענטש איז נאָנט מיט׳ן אויבערשטן ווערט עס מער נתגלה, אָבער השי״ת זאָגט אים: ״ביז׳ן קרעטשמע, ביז ס׳ווערט אַ התגלות השכינה, וועל איך דיר געבן אָנווייזונגען וואָס צו טון. **איר האָט אפשר אַ ליכטעלע? טרעפסט דאָרט עפּעס אַ ליכט? צינד עס אן למטה מעשרה!**״. דאָס איז דיין מצוות היום יעצט אויפ׳ן מאָמענט. דאָס איז דער מהלך וויאַזוי אַ מענטש קען זיך אָנהויבן אויפהייבן און זיך אַן עצה געבן אין די טונקלסטע מצבים.

## אָנצינדן אַ ליכטל פון אמונה, אפילו טרוקענערהייט

דער באַדייט דערפון איז, אַז אפילו ווען דער איד שפּירט נאָכנישט קיין שום לעכטיגקייט, זאָל ער אַרויסזאָגן מיט׳ן מויל: **״איך ווייס אַז דער אויבערשטער געפינט זיך מיט מיר**. איך ווייס אַז אַלעס איז לטובה. איך גיי זיך אָנשטרענגען צו רעדן פּאָזיטיוו, אפילו אויב אינעווייניג ברענט אַ פייער פון אויפרעגעניש״.

צומאָל גלייבט נישט דער מענטש אין אַזאַ פעולה. ער זאָגט: **וואָס האָב איך דערפון אַז איך רעד פּאָזיטיוו?** איך שפּיר עס נישט און איך האַלט נאָכנישט דאָרט. זאָל איך עס סתם זאָגן מן השפה ולחוץ? וואָס וועט עס העלפן? אודאי גלייב איך אַז ס׳איז דאָ אַ באַשעפער און אַלעס איז לטובה, אָבער יעצט איז דער מצב אָנגעזעצט, פאַרוואָס זאָל איך אָנצינדן אַ ליכטל פון אמונה?!

אַזאַ קשיא קומט, ווייל מען באַגרייפט נישט וואָס פאַראַ כח ס׳איז דאָ אין תורה ומצוות. ער מיינט אַז ס׳דאַרפן דאָ פּאַסירן ריזיגע מהפיכות כדי אַרויסצוגיין פון זיין מצב. אָבער באמת איז דער אויבערשטער שוין דאָ מיט דיר. די שאלה איז בלויז אַ קלייניגקייט: **צי דער לעקטער איז אנגעצינדן אָדער אויסגעלאָשן**. דער אור איז סייווי דאָ. די שאלה איז צי דו וועסט זוכה זיין אַז ס׳זאָל נתגלה ווערן פאַר דיר. דער חוק פון דער בריאה איז, אַז **ווען מ׳געפינט זיך ׳למטה מעשרה׳ דאַרפסטו זיין דער וואָס צינדט אָן דעם ליכט**. דער רבוש״ע איז דאָ, אָבער ער וויל זיך מגלה זיין פאַר דיר, **נאר נאָכדעם וואָס דו גייסט אַרבעטן פון דיין זייט**. נאר נאָכדעם וואָס דו גייסט אָנצינדן אַ ליכטל.

## אָנגעגרייט בילקעלעך פאר אַ פאַרסאַפּעטע אידענע

וויפיל מער אַ מענטש לעבט אַזוי, **זעט ער מער דעם רבוש״ע**, און ס׳ווערט אים אַזוי גוט און פריילך. ס׳איז גאָר זיס און מלא תענוג ווען ער טרעפט דעם רבוש״ע אפילו אין דעם גרעסטן חושך.

אַ איד האָט מיר היינט דערציילט: יעדע וואָך פרייטאָג נאָכמיטאָג גייט ער אין בעקעריי איינצוקויפן הונדערט בילקעלעך פאר מלוה מלכה אין זיין ביהמ״ד. פאָריגע וואך איז ער אָנגעקומען זייער שפּעט, ממש פאַר׳ן זמן, און דער בעה״ב פון דער בעקעריי זאָגט אים: ״**קום, איך וועל דיר מאַכן פרישע הייסע בילקעלעך**. איך האָב דאָ אַ פּעקל פון רויע בילקעלעך וואָס ליגט גרייט אין פריזער, מ׳דאַרף עס בלויז באַקן פאר צוואָנציג מינוט און ס׳וועט זיין פריש אָפּגעבאַקן״. דער איד קוקט אויפ׳ן זייגער און ס׳איז זייער שפּעט, אָבער דער בעה״ב פרעגט אים נישט קיין שאלות, ער נעמט אַרויס דאָס גאַנצע פּעקל פון פריזער און ער פרעגט: ״וויפיל דאַרפסטו?״ זאָגט ער: ״הונדערט״. זאָגט דער בעה״ב: ״ווייסטו וואָס? איך מאַך דיר 120 שטיק, און נעם אַלע, אַז ס׳זאָל זיין בשפע״.

דער בעה״ב האָט זיך שוין אַהיימגעיאָגט, און דער איד איז געבליבן דאָרט וואַרטן פאר צוואָנציג מינוט מיט די גוי׳אישע אַרבעטער. ס׳ווערט כמעט שבת און ער שטייט און וואַרט אַזוי לאַנג. ער האָט זיך אָבער מחזק געווען: נו, דער אויבערשטער פירט די וועלט, ס׳איז זיכער גוט און געוואַלדיג, ב״ה פאַרדעם.

ענדליך זענען די בילקעלעך גרייט געוואָרן. ער לייגט עס אַריין אין זיין קאַר, און דאַן קומט צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטע אידענע וואָס איז ממש אובד עצות. זי פרעגט אויב מ׳קען נאָך קויפן עפּעס חלות, אָבער די בעקעריי איז שוין פאַרמאַכט. וואָס איז געשען? זי האָט אומגערישט באַקומען אַ גאַנצן ציבור פון געסט אָבער זי האָט נישט קיין חלות פאר זיי. זאָגט דער איד: ״**איך האָב חלות פאַר אייך. וויפיל דאַרפט איר? צען? פופצן? נעמט צוואָנציג. איך דאַרף סייווי נאר האָבן הונדערט**״... ער גיבט עס איר און ער פאָרט זיך אַהיים מיט אַ גוטן געפיל.

## ווען מ׳זעט אַ התגלות, ווערט מען דערהויבן

שפּעטער האָט ער זיך מתבונן געווען, וויאַזוי דער רבוש״ע האָט דאָ אינזין געהאַט אַ אידענע אויף שבת. דאָס געשעפט האָט שוין געזאָלט זיין פאַרמאַכט, אָבער אַ אידישע פרוי דאַרף האָבן חלה פאַר אירע אורחים. **וועט מען שטעלן איינער וואָס זאָל דאָרט אויסוואַרטן מיט פרישע בילקעלעך ביז זי וועט אָנקומען**. אָבער ער דאַרף דאך האָבן די בילקעלעך פאר מלוה מלכה? נישט קיין פּראָבלעם, ער דאַרף נאר האָבן 100 שטיק, און מ׳וועט אים געבן 120, אַזוי וועט ער האָבן גענוג אָוועקצוגעבן. בלייב דאָרט שטיין צוואָנציג מינוט, ווען זי וועט אָנקומען געב איר די בילקעלעך און אַ גוט שבת...

ווען מ׳זעט אַזאַ קליינע מעשה, שפּירט מען דען נישט קיין מתיקות? **וויאַזוי קומט מען אַריין אינעם שבת נאָכדעם?** וויאַזוי קוקט אויס די הודו פון מנחה ערב שבת? דער איד וואָס האָט געגעבן די חלות קומט דאך אַריין אינעם שבת ווי אַ נייער איבערגעפרישטער מענטש. פאַרוואָס? **ווייל ער האָט געזען דעם רבוש״ע!** דאָס זעלבע איז יעדעס מאָל ווען אַ מענטש טרעפט זיך אין אַ מצב פון למטה מעשרה, ווייל דער רבוש״ע איז מאַכן אַזעלכע סאָרט מעשיות. אָבער מיט׳ן תנאי אַז דו ביסט דער וואָס גייט דאָרט ברענגען די שכינה.

שטענדיג אַ מענטש געפינט זיך אין אַ צערודערטן מצב, **אויב גייט ער אָנצינדן אַ ליטיגקייט פון זיין זייט** - אַזויווי מ׳האָט געדאַרפט ברענגען ביים מזבח ׳אש של הדיוט׳ - דעמאָלט **וועט דער רבוש״ע נאָכדעם אַראָפּשיקן אַן ׳אש של מעלה׳**. ער וועט זיך באַווייזן צו דיר, און דעמאָלט וועט עס זיין אַזוי זיס און געשמאַק. ״איך האָב געזען דעם רבוש״ע און איך דאַרף גאָרנישט מער דערפון״. ס׳איז דאך ממש שאָד אַז דער מענטש איז אַנשטאָט דעם, פאַרנומען צו פאַרציילן פאר דער גאַנצער וועלט ווי ברוגז ער איז...

## אַ בר דעת באַנוצט זיך מיט׳ן חוש הריח

איינס פון די נפלאות הבורא וואָס השי״ת האָט אַריינגעלייגט אין דער טבע, איז דער פאַקט אַז **אַ מאכל וואָס איז געזונט און פריש, האָט אַ גוטן ריח, און אַ מאכל וואָס איז פארדארבן האָט אַ שלעכטע ריח**. דאָס איז אַ געוואַלדיגע הילף פאר מענטשן, ווייל ס׳וואָלט ווען פונקט אַזוי געקענט זיין אַז אַ ריח זאָל

ווען מ׳געפינט זיך ׳למטה מעשרה׳ דאַרפסטו זיין דער וואָס צינדט אָן דעם ליכט

זיך קיינמאָל נישט טויש. ס'וואָלט אפילו געקענט זיין פאַרקערט, אַז פאַרדאָרבענע מאכלים זאָלן האָבן אַ גוטע שמעק, און געזונטע מאכלים זאָל מען נישט קענען שטיין דערנעבן... אָבער דער רבוש"ע איז אַ טוב ומטיב, האָט ער אַזוי אַריינגעלייגט אין דער טבע, כדי אונז צו העלפן וויסן וואָס ס'איז גוט צום עסן.

אָט דער מהלך איז אַ הילף נישט בלויז ביי מאכלים אַזוי, נאר אויך ביי 'בין אדם לחבירו'. אַמאָל רעדט מען צו אַנדערע, און מ'ווייסט נישט: אפשר האָב איך יענעם ווי געטון? אפשר האָב איך אים מכבד געווען? **איך האָב געמאַכט אַ ווערטל, אָבער איך ווייס נישט אויב כ'האָב אים מחזק געווען אָדער ס'האָט אים געציפּט?**

דעריבער האָט דער אויבערשטער געגעבן אַ געוואַלדיגע עצה: מאַך אַביסל התבוננות. **זיי אַ שטיקל בר דעת און כאַפּ אַ שמעק גלייך דערנאָך, צו זען די רעזולטאַטן.** דעמאָלט קענסטו זען אויב דו גייסט אויפ'ן ריכטיגן וועג. אַ נאָרמאַלער מענטש וואָס וויל נוצן זיין שכל, באַנוצט זיך שטענדיג מיט דעם חוש הריח. אויב ער זעט אַז דער מהלך אַרבעט נישט, טוישט ער דאָס שנעל. דאָס איז אַן עצה לגבי **חינוך**, ס'איז אַן עצה לגבי **שלום בית**, ס'איז אַן עצה לגבי קאָמוניקאַציע **צווישן אַ בעה"ב מיט אן אַרבעטער.** יעדעס מאָל וואָס מ'האָט עפּעס געטון אָדער געזאָגט, קוקט מען אויף די רעזולטאַטן. אויב מ'זעט אַז ס'איז נישט גוט, ווייסט מען אַז מ'טוט דאָס נישט נאָכאַמאָל.

## קיינער גלייכט נישט דעם אָפּרעדער...

דאָס זעלבע איז לענינינו. ווען אַ מענטש געפינט זיך אין אַ שווערע מצב און **ער לויפט אַרום זיך אָפּרעדן פאר דער גאַנצער וועלט**, צו פאַרציילן פאר יעדן ווי אויפגערעגט ער איז, און ער הערט נישט אויף, ער גייט אן ברציפות יעדן טאָג נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל: "יענער האָט מיר געטשעפּעט אַזוי, און דער האָט מיר דאָס געטון"...

פאַרוואָס זאָלסטו נישט זיין אַ שטיקל בר דעת און נוצן אַביסל חכמת חיים צו זען אויב ס'העלפט אָדער נישט? **הייב אן באַמערקן אַז מענטשן האָבן נישט ליב צו זיין אין דיין סביבה.** קיינער זאָגט נישט: "יענער האָט אַזאַ גוטע הסברה, איך מוז דיר זאָגן. ער איז מסביר די פּראָבלעמען ביי זיין אַרבעט אַז ס'איז ממש אַ מחיה צו הערן"... קיינער זאָגט דאָס נישט! פאַרקערט, ווען אַ בעה"ב פרעגט זיך נאָך אויף דעם מענטש אויב ער זאָל אים אויפנעמען צו אַרבעטן אין זיין ביזנעס, דריידט זיך יעדער אַרויס: "**איך רוף איך באַלד צוריק... איך קען אים נישט אַזוי גוט...**"

פאַרוואָס? ווייל אַזאַ מענטש נעמט דעם מצב פון חושך, און ער לייגט צו נאָך אַביסל חושך. "לאָמיר אַריינלייגן נאָך אַביסל חושך"... און אַזוי גראָבט ער זיך טיפער אַריין אין גרוב. ער האָט פאַרגעסן אַז ס'איז דאָ אַ רבוש"ע, ער האָט פאַרגעסן אַז דער חושך איז בדוקא. און ווען מ'פאַרגעסט דאָס, **איז מען נאָכמער מחזק דעם חושך.** ס'איז 'מצא מין את מינו וניעור'. מען באַקומט נאָך חושך און נאָך חושך, און ס'העלפט נישט פאַר אים און נישט פאר קיינעם.

ווי אַנדערש איז ווען אַ מענטש זאָגט: **מיין אַרבעט איז צו גיין קעגן דעם שטראָם.** דער עולם רעדט זיך אָפּ דאָ? איך בין דער מענטש וואָס גייט זאָגן: "קום, לאָמיר מאַכן פריילך... ס'איז טאַקע אַנגעזעצט, אָבער לאָמיר זען וואָס מ'קען יאָ טון. דערווייל זענען מיר דאָך דאָ אין דעם מצב, לאָמיר זיין אַביסל פריילך". אַזאַ מענטש מאַכט דאָך ליכטיג דעם חושך!

## אַרויסזאָגן דברי אמונה און דאַנקן דערויף

יעדער איינער קען זיך אויסלערנען צו אָנצינדן אַ ליכטל אין דעם חשכות. די ערשטע שטאַפּל וויאַזוי דאָס צו טון, איז **אַרויסצוזאָגן בפה מלא, אפילו אויב מ'שפּירט עס בכלל נישט:** "דער אויבערשטער האָט דאָס אַזוי געפירט און אויסגעשטעלט בהשגחה מדוקדקת. ס'האָט גאָרנישט צוטון מיט די אַרומיגע זאַכן, ס'האָט גאָרנישט צוטון וועגן יענעם מענטש, ס'האָט גאָרנישט צוטון צוליב זאַכן וואָס איך האָב געטון. לאָז שוין אָפּ. דער אויבערשטער האָט אַזוי צוגעפירט און ס'איז לטובה!".

דאָס איז די ערשטע שטאַפּל, אַז מען זאָל זיך שטאַרקן דאָס צו זאָגן און טראַכטן, **אויך אויב ס'איז טרוקענערהייט און מ'שפּירט ווי מען עסט גראָז.** מען זאָל עס אַרויסזאָגן מיט אַ געשמאַק, אפילו ווען מ'שפּירט נישט אינעווייניג דעם געשמאַק. די צווייטע שטאַפּל איז, **צו דאַנקן דאַנקן דעם רבוש"ע פאַר'ן מצב**, ווי חז"ל זאָגן: 'חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה'.

ה

# בצר הרחבת לי; טרעפן דאָס גוטס אין דער טונקלקייט

## מ'קען איבעראָל געפינען פּאָזיטיווע שטריכן

ס'איז דאָ אַ דריטע שטאַפּל, וויאַזוי מ'קען שטענדיג אָנצינדן אַ ליכטעלע, אפילו ווען מ'איז למטה מעשרה טפחים. דאָס איז ווען מען פּרובירט מיט אַלע כוחות **צו טרעפן דאָס גוטס אין דעם יעצטיגן מצב.** קריג זיך מיט דיר אַליין צו זוכן עפּעס חסדים: "וואָס איז למעשה יאָ גוט דאָ?". אויב מ'איז זיך גוט מתבונן קען מען טרעפן אַסאַך גוטע זאַכן אין אַלע סאָרט אומשטענדן. מ'דאַרף זיך נאר קאָכן און רעדן דערוועגן.

איך האָב אַמאָל געהערט פון אַ יונגערמאַן וואָס זיין פּרנסה פאָדערט אַסאַך שעות. מ'דאַרף דאָרט זיין פּונקטליך אין צייט פון אינדערפרי ביז שפּעט אָוונט, און מ'דאַרף אַריינגיין יעדן טאָג פון דער וואָך, אפילו זונטאָג און פרייטאָג. האָט דער איד געזאָגט: **איך וויל נישט זיין אַזאַ מענטש וואָס קען מחליט זיין עלעוו אַזייגער פאַרמיטאָג אַז כ'וויל יעצט כאַפּן אַ שטיקל דרימל...** איך וויל נישט זיין דער סאָרט מענטש וואָס קען זאָגן: "היינט קום איך נישט אַריין אין דער אַרבעט"... ניין, כ'וויל נישט זיין איינער וואָס דער טאָג איז אים ליידיג און ער קען אַלעמאָל כאַפּן אַ דרימל ווייל ער האָט סייווי נישט בעסערס וואָס צו טון. מיר איז ליבערשט צו זיין פאַרנומען מיט אַ קביעות'דיגע פּרנסה. אפילו כ'דאַרף לויפן און זיך יאָגן. ס'איז מיר בעסער אַזוי...

## יעדע מטבע האָט צוויי זייטן

אפילו ווען מ'טראַכט אַריין פּראַקטיש, **האָט יעדע זאַך אויף דער וועלט צוויי זייטן.** פּונקט ווי ס'איז דאָ עשירות מיט עניות און ביידע האָבן זיך זייערע נסיונות, **דאָס זעלבע איז ביי יעדע אַנדערע באַגריף.** ס'איז דאָ ברייטערער סאָרט תכונת הנפש, און מער אַ מצומצם'דיגער סאָרט תכונת הנפש. ס'איז דאָ מעלות פון וואוינען דאָ, און פון וואוינען דאָרט. ס'איז דאָ בענעפיטן פון דער סאָרט אַרבעט און פון יענע סאָרט אַרבעט. ס'איז דאָ גוטע חלקים פון זיין אַליין אַ בעה"ב און פון זיין אַן אַרבעטער. יעדע סאָרט מציאות האָט מעלות אויף ביידע זייטן.

טאָמער דו ביסט יעצט סייווי אויף איינע פון די צוויי זייטן, **פאַרוואָס זאָלסטו נישט קענען כאַטש אויסרעכענען אַלע מעלות וואָס די זייט האָט מער פון דער אַנדערער זייט?** ס'איז דאך למעשה אמת! אויב אַזוי, פאַרוואָס ביסטו נאר פאַרנומען צו טראַכטן וועגן די מעלות פון דער אַנדערער זייט? דו מאַכסט אַ טעות צוויי מאָל. ערשטנס, ווייל דורכדעם קוקסטו נישט אויף די מעלות וואָס דו האָסט יעצט אויף דיין זייט. צווייטנס, ווייל צוליב דעם זעסטו נישט די חסרונות וואָס זענען דאָ אויף דער אַנדערער זייט. דו זיצסט סתם אין חושך אָן קיין שום הסבר...

## אַ מלך אָן דעם אייגענעם קאַר...

ווען כ'האָב געאַרבעט אין אַ ישיבה, איז געווען דער סדר אַז מערסטנס מגי"ש האָבן נישט אַליין געדרייוווט, נאר זיי פלעגן קומען אין ישיבה מיט'ן באַס. אָבער איין מגי"ש פלעגט אָנקומען ווי אַן איש מכובד מיט זיין אייגענער קאַר. איין טאָג שפּאַצירט דער מגי"ש אַריין אין דעם חדר הרמי"ם מיט אַ ברייטן שמייכל. ער מאַכט זיך אַ קאַווע און ער זאָגט: "**היינט בין איך אַ מלך!**" וואָס גייט פאָר? איז ער מסביר: איך האָב מחליט געווען אַז כ'האָב שוין נישט קיין כח אַליין צו דרייוון. איך דאַרף אָנפילן דעם קאַר מיט גאַז, איך דאַרף דרייוון דעם גאַנצן וועג, און אַכטונג געבן נישט צו איינדרימלען, דערנאָך דאַרף איך זוכן און טרעפן פּאַרקינג... איך בין פאַרנומען דערמיט אַגאַנצן צייט. היינט האָב איך באַשלאָסן, לאָמיר ווערן אַ מלך. **איך האָב אויפגעגעבן דעם קאַר, און כ'האָב זיך אַריינגעזעצט אינעם באַס.** איך האָב אַביסל געלערנט, אַביסל זיך אָפּגערוהט, איך בין יעצט אַראָפּגעקומען גלייך אין ישיבה. איך בין פשוט באַפרייט!...

ער האָט עס נישט געזאָגט אַלץ אַ ווערטל, און אויך נישט כדי זיך מחזק צו זיין. **ער האָט עס געזאָגט מיט'ן גאַנצן אמת, ווייל אַזוי האָט ער געשפּירט!** יעדער מענטש האָט די מעגליכקייט אַזוי צו לעבן, ווייל ביי יעדע זאַך אויף דער וועלט קען מען טרעפן די גוטע חלקים דערפון.

## די מעלות פון אַ קליינע דירה

ס'האָט מיר דערציילט אַ איד אַז ביי איינס פון די גרויסע רבי'ישע שמחות אין ירושלים, זענען געקומען אַסאַך אורחים פון חוץ לארץ וועלכע האָבן געזוכט דירות אין דער געגנט איינצושטיין דאָרט במשך די ימי השמחה. ער האָט געוואוינט נאָנט צום ביהמ"ד און אַ גרויסער עושר האָט מסכים געווען צו צאָלן אַ הון תועפות צו דינגען זיין קליינע דירה'לע. געדענקט ער ווי יענער עושר איז אַריינגעקומען אין זיין דירה, און ער רופט זיך אָן צו זיין משפחה מיט התפעלות: "געב אַ קוק, אַלעס אויף איין שטאָק! ביי אונז דאַרף מען גיין טרעפּ אַרויף און אַראָפּ אַגאַנצן טאָג, ווייל מ'וואוינט אויף דריי שטאָק. ס'איז דאָך אַסאַך בעסער אַזוי, ווען אַלע צימערן זענען אויפ'ן זעלבן שטאָק"...

מ'קען דאָס זאָגן ווען ביי יענעם אין דער דירה, אָבער **מ'קען דאָס אויך זאָגן ווען מ'איז אין דער אייגענער דירה...** דער יונגערמאַן פאַרציילט אַז ס'איז שוין דרייסיג יאָר שפּעטער, אָבער זייט דעמאָלט איז ער אַזוי צופרידן פון זיין דירה... ס'איז ממש געוואַלדיג, **איך וואוין ווי אַ גביר!** פאַרוואָס דאַרף איך זיך גיין מוטשען ווי די מענטשן וועלכע וואוינען אויף עטליכע שטאָק?

דאָס איז דען אַ ווערטל? ס'קומט צו פסח'דיג מאַכן, וויפיל נערוון און וויפיל אַרבעט דאַרף מען אַריינלייגן אין אַ הויז פון דריי שטאָק? וויפיל לחץ האָבן די קינדער דערפון? אודאי איז דאָ מעלות פון אַזאַ סאָרט דירה און ס'איז דאָ מעלות פון אַן אַנדערע סאָרט דירה, און **יעדער דאַרף דאַנקן אויף זיינע מעלות.** אָבער פאַרוואָס דאַרפסטו שוואַרץ מאַכן דעם מצב וואו דו געפינסט זיך?! **צינד אָן דאָרט אַ ליכט!** טראַכט וועגן דאָס גוטס און גיב אַ הלל והודאה!

## די נייע געגנט האָט אויך אַסאַך מעלות

דאָס זעלבע איז ווען דער מענטש שפּירט אַז **ער מוז קויפן אַ דירה אין דער שטאָט וואו ער איז אויפגעוואַקסן.** ער קען זיך נישט אָפּרייסן פון זיין היימשטאָט. נו, אַז ס'מאַכט זיך, איז דאָך געוואַלדיג. אָבער אַז ס'איז אוממעגליך, די פרייזן זענען זייער אַרויפגעגאַנגען, איז דאָס נישט במקרה, נאר דער אויבערשטער האָט אַזוי געמאַכט בדווקא. **ווייסט וויפיל מעלות דער אַנדערער פּלאַץ האָט?** הער זיך אויף אָפּרעדן און אַריינלייגן אין אַ תפיסה. אויב דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט, לאָמיר זען די פילע מעלות וואָס דער נייער פּלאַץ פאַרמאָגט, און לאָמיר רעדן און דאַנקן דערויף. לאָמיר ליכטיג מאַכן דעם מצב!

מ'איז אַמאָל געקומען צו אַ יונגערמאַן וואָס וואוינט אין ירושלים אין אַ דירה פון צוויי און אַהאַלב צימערן, און מ'האָט אים פרובירט איבערצורעדן: אויב דו פאַרקויפסט דיין דירה אין ירושלים, קענסטו באַקומען אַ דירה אין 'ביתר' מיט זיבן צימערן. אַנשטאָט וואוינסטו דאָ אין צוויי אַהאַלב צימערן. פאַרקויף עס, זיי נישט קיין נאַר... האָט דער יונגערמאַן אויפגעהויבן די אויגן און געזאָגט פאַר יענעם: "מיר איז דאָס געשמאַקער! איך פאַרשטיי נישט וואָס דו ביסט מיר מציע... **איך האָב דאָס מער ליב!** איך קען די געגנט, איך האָב אַלעס דאָ, ס'איז מיר זייער גוט. דו ווילסט מיר משכנע זיין אַז ס'איז מיר נישט גוט? ס'איז מיר יאָ גוט!"...

אָבער אפילו אַ מענטש וואָס שפּירט טאַקע אַז ס'איז נישט גוט, **דאַרף זיך קענען משכנע זיין אַז דאָס איז דער מציאות און ס'איז דאָ אַסאַך מעלות אין דעם פּלאַץ וואו ער געפינט זיך.** די טעג פון חנוכה האָבן דעם ספּעציעלן כח אַז דער 'הלל והודאה' און די נרות חנוכה זענען מגלה איינער אויפ'ן צווייטן. צינדט אָן אַ ליכטעלע למטה מעשרה טפחים. וויאַזוי? דורך הלל והודאה.

## ובחרת בחיים - נישט זיצן אין דער ווייטאָג

עס זענען דאָ יונגעלייט וואָס וואַרטן אויף קינדער, דער אויבערשטער זאל העלפן אַז אַלע אידן זאלן געהאָלפן ווערן גרינג און שנעל. אָבער **אין דער תקופה וואָס מ'וואַרט, קען מען דאָך אַזויפיל שטייגן און זיך אַוועקשטעלן אויפ'ן לעבן.** מ'מאַכט ח"ו נישט קלענער דעם גרויסן צער. די יונגערע געשוויסטער האָט שוין געהאַט אַ קינד און ווען מ'קומט אָן צו דער חנוכה מסיבה איז עס אַסאַך יסורים, מ'וויל נאָר אַנטלויפן. יעדער פאַרשטייט דעם טיפן ווייטאַג, אָבער מצד שני האָט אַ מענטש די בחירה צו זאָגן: דער רבוש"ע האָט אַזוי אויסגעשטעלט, און ער גייט העלפן אַז כ'גיי געהאָלפן ווערן בקרוב. **אָבער דערפאַר זאָל איך יעצט חרוב מאַכן די יאָרן און זיין פאַרנומען יומם ולילה מיט מיין ווייטאַג?** פאַרוואָס זאָל איך זיין פאַרביטערט אַז יענער האָט יאָ געזאָגט און יענער האָט נישט געזאָגט און יענער וואָלט געדאַרפט אַנדערש רעאַגירן?!...

איך האָב געהערט פון אַ איד וואָס האָט געוואַרט אויף קינדער אַ לאַנגע צייט, און שפּעטער ווען ער איז ב"ה געהאָלפן געוואָרן, האָט ער געזאָגט אַז ער האָט יעצט אַ נייע עבודה אין שטוב. **זיין אידענע דאַרף אַצינד שלום מאַכן מיט די שוועגערינס...** זי האָט אָפּגעהאַקט מיט אַלע שוועסטער און שוועגערינס וואָס האָבן שטענדיג גערעדט וועגן קליינע קינדער, און זי איז דערפון געוואָרן נפגע: "פאַרוואָס רעדט מען וועגן אַזעלכע זאַכן, בשעת איך האָב נישט קיין קינדער". זי איז געוואָרן צעקריגט מיט דער גאַנצער משפחה, און יעצט האָט מען אַ פּראָבלעם ווייל מ'האָט שוין געהאַט אַ קינד... ס'איז געווען אַ גאַנצע עבודה צו שלום מאַכן.

ס'איז טאַקע נישט לייכט צו אָנצינדן אַ ליכטל אין אַזאַ פינסטערניש. אָבער **די בחירה בלייבט ביים מענטש.** אין הדבר תלוי אלא בי.

## ס'איז אַ שאָד אויף די צייט...

מענטשן מיינען אַז "אויב איך גיי זיך אָפּרעדן, גיי איך משכנע זיין דעם רבוש"ע אַז ער זאָל מיר העלפן"... וואָס הייסט? **אויב איך גיי מסיח דעת זיין, ווער גייט וויסן פון מיין צער?** ווער וועט וויסן אַז יענער האָט געטון אַן עוולה קעגן מיר ווען ער האָט זיך אַזוי אויפגעפירט? איך דאַרף רעדן דערפון בקול רעש גדול, איך דאַרף זיצן און חזר'ן די ווייטאָג, אַזוי וועט מען וויסן איינמאָל פאר אַלעמאָל אַז ס'איז נישט ריכטיג צו מאַכן אַ חנוכה מסיבה ווען ס'איז דאָ איינער פון די געשוויסטער וואָס ס'קען אים גורם זיין אַ צער.

צי ס'איז ריכטיג אָדער נישט, דאָס איז אַן אַנדערע נושא. **דו האסט אָבער אַלעמאָל אַ בחירה:** דו קענסט בלייבן זיצן אין דעם לאָך און זיך נישט אַרויסזען דערפון, אָדער קענסטו זיך מתגבר זיין צו מאַכן היסח הדעת און אַנטלויפן פון דעם גרוב.

ס'איז דאָ אַ מעגליכקייט אויף די היינטיגע כלים, אַז מ'קען זען וויפיל מינוט און שעות מ'האָט פאַרפּאַטשקעט די צייט יעדן טאָג. אַ מענטש קען זיך אַליין מאַכן דעם חשבון: **וויפיל צייט האָב איך גערעדט היינט וועגן דעם פּראָבלעם?** איך האָב גערעדט דערוועגן אַ שעה? דריי שעה? היינט האָב איך דערמאַנט מיין ווייטאָג 731 מאָל. **דו ווילסט ממשיך זיין אַזוי? קום לאָמיר זען וואָס מ'קען דאָ טוישן!** הייב אָן דערהערן אַז דו העלפסט זיך גאָרנישט דורכדעם. דו מאַכסט זיך סתם חרוב די יאָרן.

## נישטאָ קיין ליידיגע פּלאַץ

אויך אַן עלטערער בחור וואָס האָט נאָכנישט געטראָפן זיין שידוך, קען אויסנוצן די צייט וויפיל ס'איז שייך. ס'איז נישטאָ אַזאַ מושג פון אַ dead space. איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ גוטער אַרכיטעקט וואָס פרובירט אויסנוצן יעדן אינטש פון אַ דירה צום מאַקסימום? דאָ קען מען אַריינלייגן אַ שאַפע, דאָ קען מען לייגן אַ פריזער, דאָ קען מען מאַכן נאָך אַן אַרויסגאַנג, דאָ איז דאָ אַ ביעם און מ'דאַרף טראַכטן וויאַזוי מ'קען עפּעס טון דערמיט... אויב בויעט מען אַ דירה און מ'טראַכט נישט פאַראויס וויאַזוי אויסנוצן יעדע אינטש, טרעפט מען זיך שפּעטער מיט אַסאַך פּלאַץ וואָס מ'האָט נישט וואָס צוטון דערמיט. **זיי נישט קיין בטלן, מ'קען עפּעס טון דאָ.** מיט יעדן ווינקל קען מען עפּעס מאַכן.

אַ איד דאַרף עס אַרייננעמען אין די ביינער, אַז אויב ער האָט איבריגע צייט, ווייל ער וואַרט יעצט צו ווערן אַ חתן, אָדער ער וואַרט יעצט אויף אַ קינד, אָדער ווייל ער וואַרט אויף אַ חברותא, **לייג אַריין דאָרט אַ שאַפּע! ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי 'סתם אַ צייט' וואָס מ'וואַרט און מ'טוט גאָרנישט.** אַ קלוגער מענטש וואָס גייט צום דאָקטער און ער ווייסט אַז מ'גייט דאָרט דאַרפן וואַרטן צוויי שעה, ברענגט זיך עפּעס מיט צו לערנען און אויסצונוצן די צייט.

## מ'קען זיך האַלטן פאַרנומען

כ'האָב אַמאָל גערעדט מיט אַ איד וועמען ס'קומט אויס צו פאָרן פון ארץ ישראל קיין קאַליפאָרניע אַהין און צוריק. יעדעס מאָל איז דאָס אַ וועג פון העכער פופצן שעה. און כ'האָב אים געפרעגט וויאַזוי ער באַווייזט דאָס. האָט ער געזאָגט: "איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך גרייט זיך אָן אַזויפיל זאַכן צו לערנען, אַז ווען מען לאַנדעט, טוט עס מיר אַביסל וויי אַז כ'האָב נישט אָנגעיאָגט וואָס כ'האָב געוואָלט"... דאָ דאָרט כאַפּט ער אַ דרימל אָבער **ס'איז דאָ אַרבעט וואָס ער האָט מיטגעברענגט!** דאָס זעלבע זעט מען צומאָל אַז אַ מענטש פאָרט אויף אַ נסיעה, און ער האָט אַסאַך וואָס צו טון אויפ'ן וועג. ווען מ'קומט אָן, בעט ער דעם דרייווער אַז ער זאָל זיך נאָך איינמאָל אַרומדרייען דעם בלאק, ווייל ער נאָכנישט געענדיגט...

דאָס איז אַ דבר פשוט אפילו מיט אַ חכמת חיים'דיגער בליק. אַנשטאָט צו זיצן אין דעם ווייטאָג, כאַפּ אַריין גוטע זאַכן! **ס'איז דאָ וואָס צו טון, זיי פאַרנומען!** דעמאָלט וועט די ישועה אויך קומען שנעלער סיי בדרך הטבע און סיי כלפי שמיא. **צינד אן אַ ליכט און אַרבעט פון דאָרט!** יעדער איד וואָס טוט אַזוי, ווערט אים ליכטיג, ווייל הלל והודאה איז פון די בעסטע מהלכים וויאַזוי אָנצוצינדן די ליכטעלעך אין מצבים פון למטה מעשרה.

## נקודה למחשבה

# בזאת יבא אל הקודש; אויף וואָס זאָלן מיר בעטן זאת חנוכה...

מתוך פארברענג זאת חנוכה תשפ"ד

## אַ טאָג פון קבלת תפלות

ס'איז באַקאַנט דאָס וואָרט פון הייליגן **רוזינער** זי"ע אַז **וואָס גרויסע צדיקים קענען אויס'פועל'ן ראש השנה און יום כיפור, קען יעדער פשוט'ער איד פועל'ן אום זאת חנוכה.** אַזאַ גילוי שיינט אין דעם טאָג אַז יעדער פשוט'ער איד קען האָבן דעם גרויסן כח פון קבלת תפלות. ס'איז אַ פנימיות'דיגע טאג ווען אידישע נשמות זענען זייער נאָענט צום רבוש"ע, ס'איז דאָ תרעין פתוחין. אויב אַזוי, דאַרף דאָך דער מענטש האָבן שכל **צו וויסן אויף וואָס צו בעטן.**

## ליבן אויף אַסאַך, בעטן אויף ווייניג

די גמרא זאָגט אין **מסכת ברכות** (נ, א) אַז ווען מען בענטשט בזימון, דאַרף מען זאָגן 'ובטובו חיינו' מיט אַ ו'. אויב איינער זאָגט 'ומטובו' מיט אַ מ' ווייזט דאָס אַז ער איז אַן עם הארץ. דער פראָבלעם פון דעם לשון איז, ווייל דער מענטש זאָגט אַז פון דער גרויסער גוטס וואָס דער רבוש"ע פאַרמאָגט, האָט ער אונז געגעבן נאר אַביסל - מטובו. ער דאַנקט מיט אַ צמצום, כאילו דער אויבערשטער האָט געגעבן נאר אַביסל פון זיין טוב.

פרעגט די גמרא, ס'איז דאָ אַ פסוק אין שמואל (ב, ז, כט): **ומברכותיך יבורך בית עבדך לעולם.** מען איז מתפלל אַז השי"ת ער זאָל אונז געבן 'מברכותיך'. דאָס איז דאָך אויך אַ לשון פון נאר אַביסל? זאָגט די גמרא: **בשאלה שאני.** דאָס הייסט, עס ווענדט זיך אויב מען דאַנקט אָדער אויב מ'איז מתפלל. פריער האָט מען גערעדט וועגן 'בענטשן' און 'דאַנקן' דעם רבוש"ע. דעמאָלט האָט נישט קיין פשט צו זאָגן: "רבוש"ע איך דאַנק דיר, אַז דו האסט מיר געגעבן אַ משהו"... **זאָג אַז השי"ת האָט דיר געגעבן בהרחבה!** אָבער ווען אַ מענטש בעט, זאָל יאָ מתפלל זיין אַזויווי אן עני בפתח, ווי רש"י זאָגט: **בשאלה שאני - שהשואל שואל כעני על פתח שאינו מרים ראש לשאול שאלה גדולה.** ער טרויעט זיך נישט, ער שפירט זיך נישט ראוי צו בעטן גרויסע זאַכן. ער בעט כאָטש פאר אַביסל טוב.

## ביי רוחניות זאָל מען יאָ בעטן בהרחבה

פרעגט די גמרא ווייטער: **בשאלה נמי הכתיב (תהלים פא, יא) הרחב פיך ואמלאהו** - מיר געפינען דאך אַז ביים דאַווענען איז אויך דאָ אַ לשון פון 'הרחב פיך', אַז מ'קען מאריך זיין בתפלה און בעטן אַלעס בהרחבה. רש"י זאָגט: **הרחב פיך - לשאול כל תאותך.**

ענטפערט די גמרא: **ההוא בדברי תורה כתיב** - ווען ס'קומט צו בעטן אויף רוחניות, איז 'הרחב פיך ואמלאהו', אָבער ווען מ'בעט אויף גשמיות, איז בעסער צו בעטן כעני בפתח: "אויב דער רבוש"ע איז מסכים, וואָלט עס מיר געהאָלפן"... ער בעט נישט קיין גרויסע זאַכן, ווייל ס'פּאַסט פשוט נישט. אפילו ער ווייסט אַז דער רבוש"ע איז אַ רחמן, שפירט ער זיך פשוט מאָדנע צו בעטן אַסאַך. אָבער אויף דברי תורה איז געזאָגט געוואָרן: הרחב פיך ואמלאהו!

## אויסנוצן דעם טאָג צו מתפלל זיין אויף דברי תורה

נו, אויב זאת חנוכה קען אַ איד אויס'פועל'ן מער ווי אַ גאַנץ יאָר, **דאַרף מען וויסן אויף וואָס צו בעטן.** דער טאָג שרייט אויס 'הרחב פיך', דער טאָג זאָגט אַז אַ פשוט'ער איד קען אויסבעטן. אויף וואָס גייסטו בעטן? **זיי מתפלל אויף דעם וואָס דער פסוק רעדט זיך. בעט אויף דברי תורה!** די גמרא זאָגט אַז ווען מ'איז מתפלל אויף רוחניות, אויף השגה, אַז השי"ת זאל אויסמעקן טמטום הלב וואָס שטערט אים, א.א.וו. דעמאָלט זאָל מען גאָרנישט מצמצם זיין.

## דער דאָרפסמאַן ווייסט נישט פון קיין בעסערס

משל למה הדבר דומה: אַ פראָסטער דאָרפסמאַן, אַ בן כפר, אָן קיין שום השגות, איז געקומען צו אַ רייכע חשוב'ע סעודה. און די סאַרווירער וועלכע גייען אַרום אויסטיילן דאָס עסן, קומען צו אים מיט גאַנצע טעצער: "וואָס קען מען אייך מכבד זיין?" מ'ברענגט אים פון דאָס בעסטע און שענסטע. אָבער ער איז דאך אַ בן כפר, ער קוקט אויף די פּאָרציעס און ער פאַרשטייט נישט וואָס ער זעט. ער פרעגט: "איר האָט אפשר אַביסל גראָז, אַ גלעזל וואַסער, אַ שטיקל ברויט"?...

זיצט דאָרט אַ קלוגער מענטש, און ער זאָגט פאַר'ן סאַרווירער: גיי ווייטער, קום צוריק אין אַ פערטל שעה אַרום. **איך וועל אים דערווייל מסביר זיין וואָס ס'טוט זיך דאָ.** נאָכדעם וועט ער וויסן וואָס צו בעטן. ער ווייסט פשוט נישט וואָס צו בעטן, ווייל ער האָט נישט קיין השגות.

מיר זענען אמת'ע בני כפר, מיר זענען פראָסטע דאָרפסלייט, מיט השגות פון בעלי עגלות פון אַמאָל... **אונזערע השגות ווען ס'קומט צו בעטן אויף רוחניות, איז ממש בזיונות.** און דאָס איז אַ גרויסע שאָד, ווייל יעצט איז אַ טאָג ווען מ'קען יאָ בעטן. דער רבוש"ע כביכול איז מציע אַ רייכע סעודה, מיט אמת'ע טיפע פנימיות'דיגע זאַכן. אָבער דער מענטש בעט ניטאַמאָל דערויף.. **ווען ער בעט שוין יאָ אויף רוחניות, כאַפּט ער ניטאַמאָל אויף וואָס צו מתפלל זיין.** וויאַזוי זאָל ער וויסן אויף וואָס צו בעטן, אויב ער האָט דאָס קיינמאָל נישט טועם געווען?

## די ריכטיגע אופן פון תפלה אויף רוחניות

דערפאַר איז טאַקע אַ גרויסע תועלת ווען מ'בעט מיט די לשונות פון דוד המלך און מ'זאָגט די תפלות וואָס פריערדיגע צדיקים האָבן געבעטן אויף רוחניות, ווייל **זיי האָבן דאך שוין יאָ טועם געווען, דעריבער האָבן זיי געוואוסט אויף וואָס צו בעטן!**

ווען אַ איד וויל בעטן אויף השגה אין רוחניות, דאַרף ער פאַרשטיין אַז ער ווייסט נישט אויף וואָס צו בעטן, און דאָס גופא איז אַ חלק פון זיין תפלה: **רבוש"ע, דו ווייסט דאָך יאָ וואָס איך דאַרף האָבן.** דו ווייסט דאָך יאָ דאָס גרויסקייט און טיפקייט פון תורה וואו מיר קענען יאָ דערגרייכן. העלף מיר אַז כ'זאָל דאָרט אָנקומען!

פטרון החודש

לע"נ איש יקר הרוח ועדין הנפש, מרביץ תורה לעדרים הרב החסיד
רבי יוסף צבי ב"ר מרדכי שמואל
רדזמינסקי זצ"ל
נלב"ע בדמי ימיו כ"ב סיון תשפ"ב
תהא נשמתו צרורה בצרור החיים

פטרון הפצה

נתנדב על ידי
מו"ה החפץ בעילום שם הי"ו
זכות לימוד תורה דרבים של אלפי ישראל
יעמוד לו ולב"ב להתברך בבני חיי מזוני רוויחי
מתוך בריות גופא ונהורא מעליא אמן.

ארה"ב 718.686.8300
א"י 072.257.7726
בריטניה 0333.070.6585
בלגיה 0480.20.16.18

לקבל הגליון בקביעות ע"י אימייל - info@machonhavineini.com

ניתן להשיג הגליון במקומות הבאים:

בארא פארק
ביהמ"ד סאטמאר 53 לאקער #62
ביהמ"ד קראסנא לאקער #166
ביהמ"ד ראחמיסטריווקא–ליד המקוה
ביהמ"ד טאהש–ליד המקוה
The Winery 18 Ave

וויליאמסבורג:
ביהמ"ד סאטמאר–בנין בראך–לאקער #213
ביהמ"ד בראשוב–לאקער 58Central Market
ביהמ"ד וויען–שמש שטיבעל
ביהמ"ד קראלי–שמש שטיבעל

מאנסי
ביהמ"ד וויואל משה סאטמאר לאקער 40
ביהמ"ד סאטמאר 13 לאקער 25
ביהמ"ד הגדול וויזניץ לאקער 219
ביהמ"ד ווילעדניק
ביהמ"ד נצח ישראל פארשעי
ביהמ"ד סטאלין
ביהמ"ד ראדאשיץ עירמאנט
ביהמ"ד סאטמאר בנין שיף

קרית יואל
ביהמ"ד אהל פיגא משה
ביהמ"ד בית אלעזר
ביהמ"ד בית מנחם זאב
ביהמ"ד ישמח
ביהמ"ד אבני צדק
ביהמ"ד רב טוב
ביהמ"ד בית דוב

לאנדאן
ביהמ"ד סאטמאר 26 לאקער 42
ביהמ"ד וויזשניץ לונדון לאקאר 25
ביהמ"ד ביאלא 45 לאקער 33
ביהמ"ד בית התלמוד ליד הביהמ"ד
ביהמ"ד חברה ש"ס בביהמ"ד